**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/12/2024

**גאווערנער האקול גיבט איבער לעצטע נייעס איבער וואלד פייערן באטרעפנדיג ניו יארק סטעיט**

***גאווערנער אנאנסירט סטעיט-ברייטע פייער פארבאט אין קראפט ביז נאוועמבער 30 צוליב פארגרעסערטע פייער סכנה***

***דזשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק פייער איז געוואקסן צו 5,000 אקער זיך פארשפרייטנדיג אריבער ניו יארק און ניו דזשערסי***

***גרעסטע וואלד פייער צו באטרעפן ניו יארק סטעיט זינט 2008***

***סטעיט האט ארויסגעשיקט מיטלען זיך צו אפרופן צו פייערן אין אראנדזש און אָלסטער קאונטיס, אריינרעכנענדיג פיר העליקאפטערס פון די ניו יארק סטעיט פאליציי און נעשענעל גאַרד***

***די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט ארויסגעגעבן 'רויטע פאן' ווארענונגען פאר מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, הויפטשטאט ראיאן און חלקים פון די סאוטערן טיער און מאוהאק וואלי ראיאנען ביז דינסטאג 6 אוונט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס איבער וואלד פייערן וואס ברענען אריבער ניו יארק סטעיט, און זי האט מאביליזירט אן אפרופונג פון מערערע אגענטורן צו פייערן אין אראנדזש און אָלסטער קאונטיס אין נאענטע קאארדינאציע מיט לאקאלע פייער דעפּארטמענטס און ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. פארשונגען פון די לופט ווייזן אז די דזשענינגס קריק/סטערלינג סטעיט פארק וואלד פייער – וועלכע ברענט סיי אין ניו יארק און סיי אין ניו דזשערסי – הילט יעצט איין 5,000 אקער, האלב פון וועלכע זענען אין ניו יארק, און אז עס איז 10 פראצענט אין קאנטראל אין ביידע סטעיטס. די פייער אין די טאון אָוו דענינג, אָלסטער קאונטי, איז 95 פראצענט אין קאנטראל אינערהאלב 630 אקער. גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך אנאנסירט אז א סטעיט-ברייטע פייער פארבאט איז אין קראפט ביז נאוועמבער 30 צוליב א העכערע סכנה פון פייער, אזוי ווי די סטעיט זעצט פאר צו אריבערגיין א טרוקענע תקופה.

"איך בין איוסערגעווענטליך דאנקבאר פאר די ערשטע הילף מאנשאפטן און די וועלכע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס און ארבעטן ארום דעם זייגער צו אפשטעלן די פארשפרייטונג פון די פייערן צו באשיצן זייערע ניו יארקע שכנים", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אזוי ווי מיר גייען אריבער א טרוקענע תקופה און א העכערע סכנה פון פייער אריבער די סטעיט, איז יעצט נישט די ריכטיגע צייט צו אנצינדן פייערן אינדרויסן, און איך מוטיג יעדן איינעם זיך צו איינהערן צו אונזערע ווארענונגען אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אונטערנעמען די נויטיגע באווארענונג שריט צו האלטן אלע ניו יארקער זיכער."

**<u>אראנדזש קאונטי דזשענינגס קריק/סטערלינג פארעסט סטעיט פארק</u>**

די הויפט פייער וואס ברענט אין ניו יארק און אין ניו דזשערסי אין די זעלבע צייט איז יעצט געשאצט צו זיין אויף 5000 אקער, אריינרעכענענדיג 2,500 אקער אויף די ניו יארקע זייט, און עס איז 10 פראצענט אונטער קאנטראל. דאס רעכנט אריין אקער לאנד וואס ברענען אקטיוו און אקער לאנד וואס זענען שוין פארברענגט געווארן. אין א טראגישע פאסירונג האט א ניו יארק סטעיט פארקס ( New York State Parks) ארבעטער פארלוירן זיין לעבן זיך אפרופנדיג צו די פייער. א צווייטע 42-אקער-גרויסע פייער ברענט נעבן West Mombasha Road און די Appalachian Trail טרעיל און איז אונטער קאנטראל. ניו יארקע בעאמטע ארבעטן אין נאענטע קאארדינאציע מיט ניו דזשערסי בעאמטע.

דעם מאנטאג האבן 277 עמערדזשענסי מאנשאפט מיטגלידער זיך אפגערופן צו די וואלד פייער, אריינרעכענענדיג פייערלעשער פון 44 איינהייטן מיט 230 מיטגלידער; זעקס געזעץ אינפארסירונג אגענטורן מיט 28 איינגעשטעלטע מיטגלידער און פיר EMS מאנשאפטן מיט 19 מיטגלידער. דאס רעכנט אויך אריין פארשטייער פון אראנדזש קאונטי, די ניו דזשערסי פייער סערוויס ( New Jersey Fire Service), דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation), דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services), ניו יארק סטעיט פאליציי ( New York State Police, NYSP), טראנספארטאציע דעפּארטמענט (Department of Transportation) און סטעיט פארקס אפיס. מאנשאפטן האבן געארבעט דורכאויס די נאכט אויסברייטערנדיג און באפעסטיגנדיג עקזיסטירנדע פייער אפהאלטונג ליניעס צווישן די פייערן און שטחים פון די וואַה טאַ וואַה פארק און סילווען פארק.

עס זענען דא פיר העליקאפטערס וואס רופן זיך אפ אריינרעכענענדיג צווי אפעריערט דורך די ניו יארק סטעיט פאליציי. די DMNA שטעלט צו צווי 'בלעק-האָוק' העליקאפטערס צו ארויסהעלפן מיט די אפרופונג מאנטאג אין צוגאב צו די צווי NYSP העליקאפטערס וואס העלפן שוין יעצט ארויס. די צווי UH-60M בלעק האָוק העליקאפטער עמערס קענען פירן 660 גאלאנען פון וואסער. דעם מאנטאג האבן העליקאפטערס אראפגעלאזט איבער 100 עמערס פון וואסער אויף די פייער.

עס זענען נישט געווען קיינע פארלאנגטע עוואקואירונגען, אבער אלס באווארענונג זענען 12 היימער אין די טאון אָוו וואָרוויק, אראנדזש קאונטי, עוואקואירט געווארן פון די פרייע ווילן פון די איינוואוינער. טרונקן וואסער איז דא צו באקומען פאר די פובליקום ביי 18 Church Street ביי די ווילעדזש האל פון די ווילעדזש אָוו גרינוואוד.

**<u>ווייטהאָוז פייער</u>**
די פייער אין די טאון אָוו דענינג, אָלסטער קאונטי, איז 95 פראצענט אין קאנטראל אינערהאלב 630 אקער. די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) וואלד רעינדזשערס קאארדינירן די אפרופונג. צוועלף רעינדזשערס האבן געארבעט אויף די פייער מיט די פאראייניגטע אנפירונג פון סאָליוואן און אָלסטער קאונטי 911 צענטערן און פון וואלונטיר פייער דעפּארטמענטס. צוואנציג פייער דעפּארטמענטס האבן צוגעשטעלט איבער 185 פייערלעשער מיט אפאראטן פון פייער ענדזשינס, האלץ פייער טראקס, טאנקירער, בולדאָוזערס און UTV's.

NYC DEP אוויאציע און NYS פאליציי אוויאציע האבן צוגעשטעלט שטיצע מיטן אראפלאזן וואסער און כאפן בילדער פון די לופט. צווי סטרוקטורן האבן אפגעברענט אין אָלסטער קאונטי, א פארלאזטע הויז און דרויסנדיגע גאראזש סטורקטור.

צווישן 2007 און 2023 האט ניו יארק סטעיט געהאט א דורכשניט פון 117 וואלד פייערן פער יאר, מיט א דורכשניט פון 1,400 אקער פארברענט פער יאר. די וואלד פייער ביי דזשענינגס קריג-סטערלינג

פארעסט סטעיט פארק אין די טאון אָוו וואָרוויק, אראנדזש קאונטי, שטייגט איבער די צאל פארברענטע אקער אין וואלד פייערן אין 14 פון די 17 יאר איבער וועלכע די נאציאנאלע מולטי-אגענטור פייער צענטער (National Interagency Fire Center, NIFC) האט ציפערן אין ניו יארק סטעיט. אין 2008 האט די אָווערלוּקס פייער אין די טאון אָוו ראטשעסטער, אָלסטער קאונטי, פארברענט א סך הכל פון 2,855 אקער. די גרעסטע וואלד פייער צו פארקומען אין ניו יארק סטעיט איז געווען די עדיראָנדעק פייער פון 1903, וואס האט געברענט פאר זעקס וואכן און האט פארברענט א סך הכל שטח פון 600,000 אקער.

<u>**ניו יארק סטעיט אגענטורן אפרופונג**</u>

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**

- אין צוגאב צו זייער דירעקטע אפרופונג צו די פייערן אין די האדסאן וואלי, זענען איינגעשטעלטע באאויפטראגט געווארן צו זיין אויפן וואך און זיך אפרופן צו פייערס אין לאנג איילענד און אנדערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט

**דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

- 14 איינגעשטעלטע אריינרעכענענדיג מיטגלידער פון די אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control), אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) און אפיס פון אינפארמאציע-אויסטוישנדע און עמערדזשענסי קאמוניקאציעס ( Office of Interoperable and Emergency Communications) געפונען זיך אויפן ארט אין אָלסטער קאונטי.
- אינצידענט מענעדזשמענט מאנשאפט (Incident Management Team) מיטגלידער אין GIS, לאגיסטיקס און פינאנץ
- קאמוניקאציעס אינדזשענירן
- באוועגיגע ראדיאו טורעם
- סאטעלייט קאמוניקאציעס טראק מיט נאך עקוויפמענט
- אן AT&T/FirstNet איינריכטונג אויף רעדער צושטעלנדיג סעלולארישע סערוויסעס אריינרעכענענדיג סעלולארישע 911 מעגליכקייט
- 5 אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל איינגעשטעלטע ארבעטנדיג אין אראנדזש קאונטי.
- פייער אפעראציע צענטער (Fire Operation Center) איז אפן
- די NY פייער מאביליזירונג און געמיינזאמע הילף פלאן ( Fire Mobilization and Mutual Aid Plan) איז אקטיוויזירט געווארן צו ארויסהעלפן אראנדזש קאונטי

**NYSP**

- 2 העליקאפטערס אראפלאזנדיג וואסער פון די לופט
- דראָונס
- העלפנדיג איינגעשטעלטע ביי קאמאנד צענטער צו קאארדינירן אפרופונג מיטלען

**NYS אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**

- 1 בוּלדאָוזער מיט דרייווער
- 5 וואלד פייער פייערלעשער
- 1 פארק וואלד רעינדזשער
- 1 פובליק אינפארמאציע אפיציר
- 2 ראיאנישע עמערדזשענסי מענעדזשערס
- 1 פארק פאליציי סארדזשענט

**DMNA**

- 2 נעשענעל גאַרד בלעק האָוק העליקאפטערס און 8 לופט מאנשאפט מיטגלידער

**DOT**

- 4 בולדאָוזערס אין אראנדזש קאונטי

וועגן צו רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט צו רויעך רעכענען אריין:

- זייט וואכזאם איבער אייער לופט: בעפארן זיך ארויסלאזן צום ארבעט, איבונגען אדער צו די פארק מיט די קינדער, קוקט אויף די AQI פארשאצונג און טוישט אייערע פלאנירטע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אויב די לופט קוואליטעט איז שלעכט. פלאנירט פון פאראויס דורכן זיך איינשרייבן צו באקומען ווארענונגען איבער לופט קוואליטעט דורך אימעיל.
- בלייבט אינעווייניג: האלט פענסטער און טירן פארמאכט צו האלטן אינעווייניגע לופט ריין. אויב רויעך קומט אן אינעווייניג, קויפט אדער מאכט אייער אייגענע באוועגיגע לופט רייניגונג מאשין צו רעדוצירן קליינע אש שטויב אינעווייניג, אדער נוצט HEPA לופט פילטערס אין אייער HVAC סיסטעם.
- טראגט א מאסקע: אויב איר מוזט ארויסגיין קען אן N95 מאסקע וואס איז אנגעטוהן ווי עס דארף צו זיין ארויספילטרירן גרויסע רויעך אש, רעדוצירנדיג די מאס פון גרויסע שטויב (PM) וואס איר אטעמט אריין.
- מיט א רואיגקייט: האלט זיך צוריק פון אנשטרענגענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן וואס קענען אייך גורם זיין צו אטעמען שווערער.
- באשיצט די שוואכערע: מענטשן וואס גיבן זיך אפ מיט קינדער, עלטערע און מענטשן מיט אסטמא זאלן זיין באזונדערס פארזיכטיג. ווען די AQI איז העכער, מאכט זיכער צו באגרעניצן זייערע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן זיי צו האלטן זיכער.
- גיבט זיך אפ מיט פיר-פיסיגע פריינט: האלט אייערע דרויסנדיגע רייזעס מיט אייערע שטוב-חיות קורץ און רואיג כדי זיי צו באשיצן פון די זעלבע אנטצינדונג אין די נאז, אויגן, האלז און לונג וואס מענטשן באקומען.
- פאר מענטשן וועלכע פארברענגען צייט אינדרויסן, ווען לופט קוואליטעט איז נישט געזונט, איז רעקאמענדירט צו טראגן א גוט-געפאסטע מאסקע. N95 אדער KN95 וועט ארבעטן די בעסטע. מער אינפארמאציע איבער די ניו יארק סטעיט לופט קוואליטעט פארשאצונגען זענען פארעפנטליכט דא. צו זעהן אייער לאקאציע'ס יעצטיגע לופט קוואליטעט, גייט צו [www.airnow.gov](http://www.airnow.gov).

ניו יארק סטעיט האט ארייגעלייגט א סטעיט-ברייטע פייער פארבאט אין קראפט ביז נאוועמבער 30 צוליב די פארגרעסערטע פייער סכנה. די פייער פארבאט גייט ארויף אויף דאס אנצינדן דרויסנדיגע פייערן איבערן סטעיט פאר צוועקן פון פטור ווערן פון האלץ און שמוץ, און אזוי אויך נישט ארומגענומענע קעמפ פייערן, פייערן פאר פארוויילונג און אפענע פייערן געניצט פאר קאכן. פייער פיטס אין די הויף און ארומגענומענע קעמפ פייערן ווייניגער פון דריי פיס אין די הייעך און פיר פיס אין די לענג, ברייט אדער דיאמעטער זענען ערלויבט, און אזוי אויך קליינע ארומגענומענע קאכן פייערן.

לעצטיגע טרוקענע אומשטענדן פירן צו א "הויכע" שטאפל פון פייער סכנה פאר די האדסאן וואלי, קעטסקילס, לאנג איילענד, העכערע האדסאן וואלי/טשעמפלעין און סענט לאורענס פייער סכנה שאצונג ראיאנען. א הויכע פייער סכנה מיינט אז אלע דינע, טויטע ברענשטאף צינדן זיך גרינגערהייט אן און פייערן הויבן זיך גרינגערהייט אן פון יעדע אורזאך, אריינרעכענענדיג האלץ פייערן און קעמפ פייערן אן השגחה. די לעצטע [פייער סכנה מאפע](#) איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל. די סכנה אין די צפון ראיאנען זענען ארויפגערוקט געווארן היינט צוליב די ערווארטעטע בוזשעווענדע ווינטן און נידעריגערע

רעלאטיווע לופט פייכטקייטן פארגעשאצט דורכאויס די עקזיסטירנדע פארלענגערטע טרוקעניש. סיי וועלכע מערקווירדיגע רעגנס פון די סוף וואך האבן נישט געדעקט א גאנצע ראיאן. טראץ די ווינטן זענען ערווארטעט זיך צו בארואיגן נאך היינט, זענען די טרוקענע אומשטענדן ערווארטעט צו אנגיין ביז די קומענדיגע וועטער וואלקענעס זענען ערווארטעט צו אנקומען שפעטער די וואך.

פייערן קענען ווערן ערנסט און שווער צו ברענגען אונטער קאנטראל אויב זיי ווערן נישט אטאקירט מיט הצלחה ווען זיי זענען נאך קליין. כאטש די סטעיט-ברייטע פייער פארבאט איז מער נישט אין קראפט, זענען האלץ פייערן שטארק אנטמוטיגט אונטער די יעצטיגע אומשטענדן. פארברענען מיסט אדער בלעטלעך איז פארבאטן א גאנץ יאר אין ניו יארק סטעיט, און עטליכע לאקאלע רעגירונגען האבן פייער פארבאטן יעצט אין קראפט. ניו יארקער ווען געמוטיגט זיך צוריקצוהאלטן פון מאכן פייערן אין די טרוקענע פלעצער כדי צו העלפן באשיצן קאמיוניטיס און ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער און אזוי אויך צו שטענדיג זיכער מאכן אויב א פייער פארבאט איז אין פלאץ אין זייערע לאקאלע געגנטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן